# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:39
מוצאי שב"ק....................9:09

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................יהושע ט'-י'
בבלי....................כתובות ל"ח
ירושלמי...............סנהדרין ל"ה
תוספתא..................פאה א'
רמב"ם.........גזילה ואבידה י"ח


פרשת ואתחנן, שבת נחמו, ט"ז אב, אבות פרק ג', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 50 (565)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם, דִי וָואךְ לֵיינֶען מִיר דִי הַפְטוֹרָה פוּן "שַׁבָּת נַחֲמוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (אֵיכָה רַבָּתִי א', נ"ז), דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט טָאפְּלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה א', ח') "חֵטְא חָטְאָה יְרוּשָׁלַיִם", זֵיי זֶענֶען טָאפְּלְט גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ', ב') "כִּי לָקְחָה מִיַּד ה' כִּפְלַיִם בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ", אוּן זֵיי וֶוערְן טָאפְּלְט גֶעטְרֵייסְט, "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם" (יְשַׁעְיָה מ', א').

וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דָאס וֶוערְן "טָאפְּלְט" גֶעטְרֵייסְט? וִוי אַזוֹי טְרֵייסְטְן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער? אוּן וָואס הָאט עֶס שַׁיְיכוּת מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן?

דֶער עִיקָר טְרֵייסְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין וִויפִיל עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַוְקָא וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אָנְהוֹיבּ דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט וַוייל ס'קוּמְט זִיךְ אִים.

וֶוען אַ אִיד אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִין לֶעבְּן, סַיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיז נָאר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט אִים דָאס גֶעשָׁאנְקֶען מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס אַלֶעס אִיז נָאר מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קַיין גְרֶענִיצְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוּנְז דָאךְ אַלֶעס גֶעבְּן, עֶר וַוארְט נָאר צוּ הֶערְן וִוי דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט אִים, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים ב', י"ד) "הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ", אוּן וָואס מִיר וֶועלְן נָאר בֶּעטְן, וֶועט עֶר אוּנְז גֶעבְּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִי הַכָּרָה, וֶוערְט עֶר גֶעטְרֵייסְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

אַלֶע צָרוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, עֶר וִויל אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר וִויל אִים נָאר אוֹיסְטֵיילְן צָרוֹת. וֶוען מְ'וֵוייסְט אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נָאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז אִיז נָאר צוּם גוּטְן, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אוּן דַאן וֶועט אִים זַיין גוּט אִין לֶעבְּן.

מְ'קֶען אָבֶּער נִישְׁט וַוארְטְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען מְ'וֶועט הָאבְּן אַ רוּאִיגֶער מֹחַ, אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען דַארְף אַלֶעמָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען מְ'אִיז מְסוּדָּר אוּן ס'רֶעדְט זִיךְ מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן סַיי וֶוען מְ'שְׁפִּירְט אִינְגַאנְצְן צֶעפָּארְן אוּן פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים, אַלְץ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַּארְקֶערְט, אַמָאל קוּמְט אַרוֹיס דִי אֱמֶת'עֶ וֶוערְטֶער פוּן הַארְץ דַוְקָא וֶוען מְ'פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן צ"ט) דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'", אַ אִיד דַארְף אַלְץ זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי מִיט אַ גֶעפִיל אוּן סַיי אָן אַ גֶעפִיל, בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר, אוּן דַאן וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען זַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר מַעֲלֶה זַיין אַלֶע תְּפִלּוֹת.

דָאס אִיז דִי טָאפְּלְטֶע נֶחָמָה מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז, סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זֶען אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּקוּמֶען צוּ בֵּיידֶע סָארְט תְּפִלּוֹת, סַיי מִיט גֶעפִילְן אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן סַיי אָן דֶעם, וַוייל נָאר דוּרְךְ דִי פְּשׁוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת וֶוען זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁטָאפְּט, דַוְקָא דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קֶענֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט, אוּם שַׁבָּת נַחֲמוּ, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אָנְצוּהוֹיבְּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וִוי נִידְרִיג מְ'שְׁפִּירְט זִיךְ, וִוי גֶעפַאלְן מְ'זָאל נָאר זַיין, וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן אִים הֶעלְפְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפַרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מְטְשׁוֹרְטְקוֹב זי"ע אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטְנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר דַאוֶוענְט מֶער נִישְׁט. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארֶערכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ
<<<<<<

## א גוט ווארט

זַייט פְרֵיילִיךְ, זוּכְט אוֹיף גוּטְס אִין אֵייעֶר לֶעבְּן. אַן עֵצָה טוֹבָה, אִיר זָאלְט זִיךְ אַרָאפְּשְׁרַייבְּן גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן צַייט אוֹיף דֶעם; נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם צֶעטְל אוּן דַאנְקְט אִים אוֹיף דָאס גוּטְס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז 1) אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין דַיין קִינְד, אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק פוּן עַם יִשְׂרָאֵל. 2) אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים. 3) אִיךְ וֵוייס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין וָואס לֶערְנְט מִיר אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת אִין לֶעבְּן; מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות. 4) אִיךְ הָאבּ אַזַא שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה; אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר מַיין מַאן/וַוייבּ, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, פַאר מַיין עֶסְן, פַאר מַיינֶע קְלֵיידֶער, פַאר מַיין אָטֶעמֶען"; אַזוֹי זָאלְט אִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי חֲסָדִים אוּן טוֹבוֹת, וֶועט אִיר וֶוערְן מֶער אוּן מֶער פְרֵיילִיךְ, מֶער אוּן מֶער פָּאזִיטִיוו, מֶער אוּן מֶער אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין "גַן עֵדֶן", נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט אוּן זִיךְ צוּ אִים אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען אוֹיף יֶעדֶע פִּינְטְל וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים - וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, וִוי וֶוען מֶען בֶּעט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט גוּט, בִּיסְטוּ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאף דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ שׁוֹין בֶּעסֶער, אִיךְ בֶּעט פַּאר דִיר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן; יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נוּץ אוֹיס דִי צַייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יב:): "שְׁכִינָה לְמַעְלָה מְרַאֲשׁוֹתָיו שֶׁל חוֹלֶה", דֶער בַּאשֶׁעפֶער רוּט בַּיים קָאפּ פוּנֶעם חוֹלֶה; יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ', גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר; בֶּעט אִים, רֶעד צוּ אִים, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיט אִים – וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט כֹּחַ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג שִׁיר הַשִּׁירִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמג): "כָּל הָרְפוּאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם כֻּלָּם כְּלוּלִים בְּשִׁיר הַשִּׁירִים"; אַז דוּ הָאסְט נָאר אַבִּיסְל כֹּחַ – קֶענְסְטוּ דָאס אַיינְטֵיילְן אוּן זָאגְן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג.

אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק – אַזוֹי וִוי אַמָאל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְבָרִים תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען בִּכְלַל אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע אוּן נַארִישֶׁע דַאוֶוענֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶּער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין דַאוֶוענֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

אוּן עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. ווִידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צוּם בֵּיישְׁפִּיל "1", "10", "100". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט וִוי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

אוּן דֶער צַדִיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, וִויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", עֶס אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶּער אַ "זִירָאוֹ" אִיז דָאךְ עֶס יָא. אוּן אַזוֹי קְלוֹיבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאוֹ'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג אוּן דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, אוּן וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאוֹ'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! אוּן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", אוֹיבּ אִיז אָבֶּער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, אַלְץ גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִיק זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דָאס צוּ טוּן וִוי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה ו':) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר ווִיל זַיין וואוֹיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶּענֶערְהֵייט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ יְגִיעוֹת)

<<<<<< נייעס
אונטערברעכן אונטער דעם גרויסן יאך, יעדער וועט זיך משתתף זיין מיט שיינע גרעסערע סכומים, און מיט די גרויסע זכותים וועלן מיר אלע געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס מיר נויטיגן זיך ברוחניות ובגשמיות.

**עולם חסד יבנה!**

***

# בחורים אין ישיבה לערנען 40 מאל מסכת תענית ביז ראש השנה

דעם פרייטאג ואתחנן, חמשה עשר באב, האט זיך אנגעהויבן די מסכת תענית טומל אין ישיבה, די בחורים זענען צוגעגאגלט צו די בענקלעך, די אויגן צוגעשמידט צו א גמרא מסכת תענית, מען לערנט פלייסיג מיט חשק, און מ'ענדיגט יעדן טאג נאכאמאל גאנץ מסכת תענית.

אין יאר תשע"א, פאר חמשה עשר באב, האט מוהרא"ש געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז ער גייט אריבערקומען אין קעמפ אום חמשה עשר באב, א טאג וואס איז מסוגל פאר שידוכים, און ער וועט פועל'ן שידוכים פאר די בחורים. ביי די סעודה לכבוד חמשה עשר באב האט מוהרא"ש גערעדט א לאנגע צייט צו די בחורים, און ביים סוף פון די דרשה האט מוהרא"ש געזאגט אז אלע בחורים פון זיבעצן יאר און העכער וואס וועלן ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית אין די פערציג טעג פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וועלן זיי אי"ה טרעפן זייער שידוך גלייך נאך ראש השנה. אלע בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו און האבן דורכגעלערנט מסכת תענית יעדן טאג ביז ראש השנה און גלייך נאך ראש השנה האבן אנגעהויבן ווערן חתנים אין ישיבה, און אין לויף פונעם ווינטער זמן תשע"ב, האבן אלע בחורים געטראפן זייער שידוך, זיי האבן ב"ה שיין חתונה געהאט און אויפגעשטעלט ערליכע אידישע שטובער לשם ולתפארת.

זייט דעמאלט האלט עס ווייטער אן יאר יערליך, די פרישע בחורים ענדיגן מסכת תענית פערציג מאל פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, און ב"ה פילע שידוכים זענען געשלאסן געווארן אין דעם זכות אין לויף פון די יארן. אויך פילע בחורים פון אנדערע ישיבות, וואס האלטן מיט די דרשות און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, האבן זיך אויך צוגעכאפט צו דעם, זיי האבן אויך געלערנט מסכת תענית פערציג מאל, און זענען ב"ה אויך געהאלפן געווארן מיט שיינע שידוכים.

אנהויב די וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל מעורר געווען די בחורים זיך צוצוגרייטן די מסכת תענית, ווייל פרייטאג חמשה עשר באב וועט מען אנהויבן לערנען גאנץ מסכת תענית יעדן טאג ביז ראש השנה. פארשטייט זיך אז די בחורים האבן קוים געקענט ווארטן אויף דעם טאג, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס יאר אויך קומען פילע חתנים אין ישיבה.

אין אנדערע נייעס האבן פילע אנשי שלומינו אנגעהויבן די וואך דעם פרישן מחזור אין לימוד תוספתא, און אין נ"ך, ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך. אויסער די פילע שיעורים וואס מען לערנט יעדן טאג, האבן זיך פילע אויך צוגעכאפט צו די צוויי לימודים, לכבוד דעם וואס מען האט עס יעצט אנגעהויבן פון פריש.

**אין שמחה כשמחת התורה!**




## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דִי ווֶעמֶען אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן ווֵיי גֶעטוּן עֶטְלִיכֶע פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים אוּן אוֹיךְ דֶעם רָב פוּן מַיין קְהִלָה, צוּלִיבּ אַן אִינֶערְלִיכֶע סִכְסוּךְ אִין דִי קְהִלָה. הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אִיךְ ווָאלְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי מַחְלוֹקֶת, אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֲרָטָה דֶערוֹיף. אָבֶער ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר קֶען אִיךְ נִישְׁט פוֹעלְ'ן בַּיי מִיר צוּ גֵיין זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיךְ פִיל ווִי דִי עֶרְד גֵייט מִיךְ אֵיינְשְׁלִינְגֶען אוֹיבּ אִיךְ ווֶועל זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיז דָא עֶפֶּעס אַ גְרִינְגֶע עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי בֶּעט אִיבֶּער דִי אַלֶע ווֶעם דוּ הָאסְט גֶע'רוֹדְפְ'ט; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ פַארְשֶׁעמְט ווֶערְן דָא ווִי אֵיידֶער אוֹיבְן אִין הִימְל.

ווֵיי אוּן בִּיטֶער פַאר ווֶער עֶס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין רוֹדְפְ'ן אַנְדֶערֶע אִידְן; בַּיי מַחְלוֹקֶת לַיידְן אַלֶע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח, ד): מַחְלוֹקֶת אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער ווֶערְן אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דִי ווֶעלְט אַלְס אַ שְׁטְרָאף אוֹיף מַחְלוֹקֶת, וְהָא רְאַיָ', בֵּית דִין שֶׁל מַטָּה גֶעבְּט נִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ פַאר אַ קָטָן אוּנְטֶער דִי דְרַייצְן יָאר, אוֹיךְ בַּיי בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹנֶשׁ נָאר פוּן צְוָואנְצִיג יָאר אוּן הֶעכֶער, אוּן בַּיי קֹרַח זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֵיין טָאג אַלְט!

וַוארְט נִישְׁט קַיין מִינוּט, גֵיי שׁוֹין בֶּעט אִיבֶּער ווֶעם דוּ הָאסְט ווֵיי גֶעטוּן; עֶנְדֶערְשׁ ווֶערְן פַארְשֶׁעמְט דָא ווִי אֵיידֶער דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף מַחְלוֹקֶת.

פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער, אַז מֶען ווִיל דִיר אַרַיינְדְרֵייעֶן אִין אַ מַחְלוֹקֶת, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אֲפִילוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן אַזוֹי ווִי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פַארְ'ן לֶעבְּן. מַאךְ זִיךְ דֶעם חֶשְׁבּוֹן וָואס דִי וַוייבּ פוּן אוֹן בֶּן פֶּלֶת הָאט גֶעמַאכְט, אוּן בֶּן פֶּלֶת אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אָנְגֶעהֶעצְט פוּן קֹרַח אוּן פוּן אַלֶע צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג רַבָּנִים, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אִין שְׁטוּבּ: "מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט!" עֶר הָאט גֶעהַאקְט אוֹיפְ'ן טִישׁ: "קֹרַח אִיז דֶער עֶכְטֶער מַנְהִיג!" עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי אָנְפִירֶער. דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם, כ) זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, זָאג מִיר: מַה לָּךְ בַּהֲדֵי פְּלוּגְתֵּיהּ, וָואס הָאסְטוּ פוּן דִי מַחְלוֹקֶת? וָואס אִיז דִיר אַ חִילוּק ווֶער עֶס אִיז גֶערֶעכְט? אִי אַהֲרֹן כַּהֲנָא רַבָּא אַתְּ תַּלְמִידָא, אוֹיבּ מֹשֶׁה אִיז גֶערֶעכְט - אִיז אַהֲרֹן דֶער כֹּהֵן אוּן דוּ בִּיסְט דֶער תַּלְמִיד, אִי קֹרַח כַּהֲנָא רַבָּה אַתְּ תַּלְמִידָא, אוּן אוֹיבּ קֹרַח אִיז גֶערֶעכְט - אִיז קֹרַח דֶער כֹּהֵן אוּן דוּ בִּיסְט וַוייטֶער דֶער תַּלְמִיד! אַזוֹי הָאט זִי אִים גֶערַאטֶעוֶועט.

דוּ זָאלְסְט אַלְץ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קמז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אַ גְרוֹיסֶער צִיבּוּר קוּמְט אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן**

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ בִּירוּר וְזִכּוּךְ הַמְדַמֶּה, פוּן יֶעצְט קֶענְסְטוּ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מְחַדֵשׁ זַיין אַסַאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, פוּן דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן אָפְּשְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשִׁים, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיין הֵיילִיג סֵפֶר "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", וָואס דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי חִידוּשִׁים אִיז גֶעוֶוען לוֹיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע אוּן כָּשֵׁר'עֶ כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אִיר מֶעגְט מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיר קֶענְט מַשִּׂיג זַיין מִיט אֵייעֶר כֹּחַ הַמְדַמֶּה, דָאס וָואס אִיךְ קֶען מַשִּׂיג זַיין מִיט מַיין שֵׂכֶל".

[דָאס דַארְף דִינֶען אַלְס מוּסָר לֶעקְצִיעֶ פַאר גֶעוִויסֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס קֶעגְן דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה לוֹיט דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע אוּן כָּשֵׁר'עֶ כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אִיר מֶעגְט מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכ"א), אוּן אִין דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט יֶענֶעם שַׁבָּת חֲנוּכָּה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ד) זָאגְט דָארְט דֶער רֶבִּי אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג פוּן יֶענֶע וֶועלְט, זַיין מַחְשָׁבָה אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ קְלָארֶע אוּן לוֹיטֶערֶע כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אוּן עֶר קֶען מְחַדֵשׁ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"א) אַז אַ אִיד דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ אוּן פַארְגֶענִיגְן פוּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם, עֶס אִיז זֶענֶען שׁוֹין פַארְפַאסְט גֶעוָוארְן אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן עֶס וֶועט נָאךְ פַארְפַאסְט וֶוערְן אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן יֶעדֶע סֵפֶר פֶעלְט אוֹיס פַאר דִי וֶועלְט.

מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשִׁים אוֹיף דִי יְסוֹדוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן מֶען דַארְף דָאס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן, אוּן מִיט דֶעם מְקַרֵב זַיין נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יַגְדִיל תּוֹרָה וְיַאְדִיר].

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# באנקעט לטובת דעם "בית התבשיל" דעם זונטאג עקב

"בית התבשיל" - צוויי ווערטער, אבער וויפיל מען וועט נאר רעדן איבער דעם וועט נישט זיין גענוג. אונטער די צוויי אומשולדיגע ווערטער ליגט א גאנצע וועלט, א וועלט פון חסד, א וועלט פון גמילת חסדים. א לייכט זויל וואס פארשפרייט א שיין אין די גאנצע קהלה.

איינע פון די שענסטע רינגעלעך אין די גאלדענע קייט פון חסד וואס אונזער קהלה איז ב"ה באשאנקען געווארן איז בלי ספק די מאסיווע פראיעקט פונעם "בית התבשיל", אין אמת'ן אריין איז די נאמען בית התבשיל נישט די פאסיגע נאמען פאר די אקטיוויטעטן וועלכע גייען ארויס פון אונטער די צוויי ווערטער בית התבשיל, עס איז נישט בלויז א בית התבשיל וואו מען געבט עסן פאר מענטשן, נאר עס איז אסאך אסאך מער פון דעם.

"בית התבשיל" איז אמאל געווען א זאך וואס איז נוגע געווען בפרטיות פאר עטליכע פון אסאך, אבער, דא ביי אונז אין קהלה איז עס על הכלל כולו יצא יעדער איינער האט הנאה דערפון.

די אונטערנעמונג פונעם בית התבשיל איז דירעקט נישט קיין גרינגע זאך, בלויז די פאקט אז אין די לעצטע פאר וואכן האט בית התבשיל אויסגעטיילט אין גראסערי די סומע פון $50,000, איז שוין גענוג ארויסצוברענגן די שווערע עול וואס ליגט אויף די פלייצעס פונעם בית התבשיל.

די בית התבשיל איז ווי א שירעם וואס נעמט אריין אונטער זיך יעדע זאך וואס האט צו טון מיט חסד, יעדע זאך וואס קען ארויסהעלפן אנשי שלומינו.

"בית התבשיל" שפארט פאר אנשי שלומינו מדי שבת בשבתו יעדן איינציגן שבת שווערע געלטער פאר מאכלי שבת. "בית התבשיל" האט בלויז פאריאר, אין די איין קיילעכיגע יאר, אויסגעטיילט עסן און אנדערע פראדוקטן אין די ווערד פון $250,000, עס איז א ציפער וואס הערט זיך ווי א גוזמא אבער יא! ס'איז א מציאות, א פערטל מיליאן דאלער!

אבער לאמיר גיין אביסל ווייטער, די פסח חלוקה אליינס האט אפגעשפארט איבער $75,000 פאר אנ"ש. וואס דאס איז אויסער די חלוקה וואס דער בית התבשיל שטעלט צו פאר יעדע יום טוב.

"בית התבשיל" שטעלט צו מדי שבת בשבתו קאלטע וואסער פאר אנשי שלומינו בשעת'ן זיך שלעפן אין די היצן זיך שופך שיח צו זיין פאר'ן הייליגן באשעפער, דאס קאסט אפ $10,000 א יאר, אזוי נישט מיר נישט דיר - א פראיעקט וואס געהער בכלל נישט צו א "בית התבשיל" - האט מען אויך אריינגענומען אינעם באן פון גמילת חסדים.

די עול צו טראגן איז אומבאשרייבליך שווער, אבער צו זען די ליכטיגע שמייכלעך פון אנשי שלומינו איז אלעס ווערד, וויפיל מאל האבן די חשובע אינגעלייט וואס זענען נושא בעול שוין געדארפט אויסבארגען געלט בלויז זיכער צו מאכן אנצוהאלטן די עקזיסטענץ פון די הייליגע ארגאניזאציע!

עס ווערט געברענגט פון הייליגן חפץ חיים זי"ע אז א בריק שטייט אויף זוילן וואס שטעקן זיך אריין ביז אונטער די וואסער, אויב עס איז נישט דא קיין זוילן איז נישט דא קיין בריק. זאגט דער חפץ חיים די זעלבע איז ביי גמילת חסדים. חסד איז א בריק, די כח האחדות זענען די זוילן, די פונדאמענט, די איינציגסטע וועג אז עס זאל קענען זיין גמילת חסדים, איז נאר מיט א כח האחדות, ווען יעדער איינער העלפט צו דערצו.

דער בית התבשיל גייט שוין אן איבער פיר יאר ברוך ה', צו די הנאה פון אנשי שלומינו, ווען יעדער איינער האט הנאה אדער פון די חלוקה'ס אדער פון די אנדערע פראיעקטן. אבער יעצט איז דער בית התבשיל געקומען צו א מצב אז זיי קענען שוין נישט ווייטער אנגיין אן די ברייטע און ווארעמע הערצער פון אנשי שלומינו, מאכט אייך צו די אויגן פאר א מינוט און טראכט וויאזוי ס'וועט אויסקוקן אונזער הייליגע קהילה אן קיין בית התבשיל, נישטא קיין חלוקות, נישטא קיין וואסער זיך שלעפנדיג אין די היצן צום ביהמ"ד, און אזוי ווייטער.

מיר ווענדן זיך יעצט אנגארטלען אלע אינאיינעם, און ארויסווייזן אונזער הכרת הטוב צו די הייליגע אונטערנעמונג, און ארויסהעלפן דעם בית התשביל אנצוקומען צום ציל פון $75,000.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן די וואך א בריוו פאר אנשי שלומינו, לכבוד דער באפארשטייענדן באנקעט דעם זונטאג לטובת דעם בית התבשיל, **"לכבוד אנשי שלומינו הי"ו, איר אלע וויסן פון די גרויסע טואונגען פונעם "בית התבשיל" אין קרית ברסלב ליבערטי, וואס ווערט אנגעפירט דורך ר' שלמה יאקאבאוויטש ני"ו. צענדליגע משפחות באקומען עסן, די בית התבשיל פארטיילט שווערע טויזענטער דאלארן יעדע וואך, ובנוסף לזה פארטיילט מען עסן פאר די גאנצע שטעטל. על כן בעט איך אייך אלע, נעמט א חלק אין די גרויסע מצוה, זייט אייך משתת, ביי די מסיבה וואס וועט פארקומען זונטאג פרשת עקב אין שטוב פון האברך הנ"ל, ובזכות המצוה זאלט איר זוכה זיין צו ברכות וישועות און צו א גוט געבענטשט יאר, אמן".**

עס איז ערווארטעט אז אלע אנשי שלומינו וועלן זיך שטארקן אינאיינעם און נישט לאזן דעם בית התבשיל

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **בנציון אפנהיים** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **נתן יוסף בורשטיין** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם בלטי** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נתן טולידאנו** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**


## זכרונות פונעם גאב"ד ירושלים זצ"ל

**אינהאלטסרייכע אינטערוויו מיט הרה"ח ר' שלום וועבערמאן שליט"א, מנהל בית רחל, קרית יואל**

**212-444-9191**

**1, 7, 5, 264**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, להצלחה בכל הענינים



< BreslevCenter.com >